# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויקהל תשפ"ד שנה י | גליון מס' 524



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א 'מנוחה' אזוי ווי הקב"ה וויל

**"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה' כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת"** (לה ב)

**דרש רבי יוסף שאול נתנזון:**

אין דער פסוק וואו די תורה רעדט פון די מצוה פון שבת זאגט דער פסוק די ווערטער "שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'". אין דעם פסוק זעט מען א רמז אז די שביתה פון שבת דארף זיין מחמת די ציווי ה' אז מען זאל רוען. ווען מען רעדט פון מנוחה איז דא א סארט מנוחה וואס איז א וואקאציע, אז דער מענטש רוט זיך אויס און שעפט אן כוחות פאר'ן עתיד, אבער די מנוחה פון שבת דארף זיין מיט אן אנדערע ציל, עס דארף געפראוועט ווערן מיט וואס עס שטייט אין חז"ל עס זאל זיין: "כאילו כל מלאכתך עשויה" (מכילתא מסכתא דבחודש פ"ז) ווייל די מנוחה איז נאר מקיים צו זיין דער ציווי ה'.

א רמז צו די סארט מנוחה טרעפן מיר ביי די תפלה פון שבת קודש, די נוסח דרוקט זיך אויס "מנוחה שלמה שאתה רוצה בה". עס קומט לאזן הערן אז די מנוחה איז נישט אנצושעפן כח נאר א "מנוחה שלימה" אין די בחינה פון - "כאילו כל מלאכתך עשויה", ווייל דאס איז די מנוחה "שאתה רוצה בה".

'דברי שאול' מהורה חמישאה

### שבת קודש איז א זמן המסוגל לתפילה

**"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה' כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת"** (לה ב)

אין אנהייב פון די פרשה שטעלט זיך רש"י מיט די קשיא פארוואס חזר'ט דא די תורה איבער די אזהרה פון שמירת שבת אין אונזער פרשה? רש"י זאגט אז דאס קומט אונז צו לאזן הערן אז די מלאכה פון די משכן איז נישט דוחה שבת.

דער 'שם משמואל' זאגט אז פון דעם אז מען האט נישט געמעגט בויען די משכן שבת, זעט מען אז שבת האט מען נישט געדארפט די משכן, ווייל שבת איז אזוי גרויס און הויך, אז עס איז גרעסער פון דער כח המשכן.

ער געט צו פארשטיין אז אגאנצער וואך איז דער עיקר כח התפילה געקומען צוגיין פון די משכן, ווייל מען זעט דאך אז ווען מען דאווענט זאל מען אינזינען האבן דאס הארץ קעגן די קדשי הקדשים, אבער שבת איז די שכינה שורה ביים דאווענען און וועגן דעם דארפן די תפילות פון שבת זיין העכער ווי אינדערוואכן.

"אפילו אז אויב א איד קען נישט אינמיטן די וואך זיך מצמצם זיין און דאווענען ווי עס דארף צו זיין איז ער שבת מחוייב זיך מתאמץ זיין צו דאווענען מיט כוונה, מיט השתפכות הנפש, ווייל די צייט אליינס איז מסוגל און העלפט צו צום דאווענען".

'שם משמואל' וירא תרע"א

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א 'מצוות עשה מדאורייתא'

די גמרא אין מסכת ברכות (כא א) ברענגט אראפ די מקור אז ברכת התורה איז א דאורייתא פון דער פסוק אין די תורה (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא הבו גדל לאלקינו".

ווען מען קוקט אריין רש"י אין חומש אויף דער פסוק זעט מען אז רש"י האט געזאגט אז אין דעם פסוק איז מרומז דער נושא פון אמן און ווי עס איז דארט דער לשון פון רש"י (שם ד"ה כי): "כי שם ה' אקרא" בברכת התורה, אתם "הבו גדל" בעניית אמן.

דער פרי מגדים (א"א רטו ו; 'תיבת גמא' האזינו) ברענגט אראפ די ווערטער פון רש"י און בויט אויף דעם א שטארקער מהלך, ער זאגט אז אזוי ווי חז"ל לערנען ארויס פון דעם פסוק אז ברכת התורה איז א מצות עשה מדאורייתא פון דער ערשטער חלק פסוק "כי שם ה' אקרא" איז אויך דער 'אמן' וואס מען ענטפערט נאך איר און מען לערנט עס ארויס פון דער צווייטער טייל פון דער פסוק: "הבו גדל לאלקינו" אויך א מצוות עשה מדאורייתא.

די ווערטער פון דער פרי מגדים איז א גרויסער חידוש. דער געדאנק האט זיכער שטארקע נאכפאלגן אין די הלכה אבער מאמענטאל וועלן מיר נישט אריינגיין אין איר, מיר וועלן נאר ארומרעדן פון דער געוואלדיגער חידוש וואס מיר זען דא. לויט דער דערמאנטער פרי מגדים קומט אויס אז טאג טעגליך קען מען דא זוכה זיין גלייך אינדערפרי דורכ'ן ענטפערן אן אמן נאך די ברכה פון ברכת התורה צו א מצות עשה דאורייתא נאך איידער מען הערט אויס די ברכת השחר.

א רמז צו די מתנה וואס מיר באקומען גלייך אינדערפרי קען מען טרעפן אין די ווערטער פון די ברכה אין ברכת התורה. ביי די ברכה וואס מען זאגט אינדערפרי זאגט מען די ווערטער: "ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך". ווען מען וועט זיך מתבונן זיין אין דער לשון וואס מען זעט אז מען האט געשריבן די לשון פון "צאצאנו", מען וואלט דאך געקענט פאר די זעלבע פרייז שרייבן "זרענו", אבער לויט ווי מיר האבן פריער געשמועסט קען זיין אז דאס טאקע וויל ער דא לאזן הערן. אין די ווארט פון "צאצאנו" איז דא א רמז צו אמן ווייל אמן באטרעפט איין און ניינציג און אויך "צא" איז די זעלבע גימטריא.

מיט דעם האט דער בעל מחבר געוואלט מרמז זיין די זעלטענע ספעציעלקייט פון דער אמן וואס מען זאגט נאך די ברכה.

אין נאך אן ארט איז מרומז די בחינה, אין די ווערטער מיט וואס מען פירט אויס די ברכה, די ווערטער פון: "כולנו יודעי שמך" ווייל אויך זי איז מרמז אויף דער אמן, ווייל אמן באטרעפט כמספר פון די צוויי הייליגע שמות, הוי"ה ואדנות.

עס איז דער ציל פון יעדן איד אויפצושטעלן ערליכע אידישע דורות. אויב מיר וועלן אפגעבן כבוד פאר די ברכת התורה, עס צו זאגן מיט כוונה, מיט א קול, מיט א חברותא, אז יענער זאל קענען ענטפערן אויף איר אמן וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו די ברכה וואס עס שטייט דא אז עס וועט מקויים ווערן ביי אונז דער: "ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה" און מיר וועלן זוכה זיין צו ערליכע דורות.

**מיט א קריאה פון**
**"כולנו יודעי שמך"**

**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — דער צדיק איז ממשיך א ישועה פון יענע וועלט —

די דאזיגע געשיכטע האבן מיר געהערט פון הר"ר חיים יצחק פרוש דער מנהל און עורך פון דער בארימטער פאבלישינג פירמע 'זכרון אהרן'.

אין לויף פון די יארן האט שוין דער חשובער

"דו דארפסט האבן א גוטער לאיער. א צדיק וואס זאל זיך משתדל זיין פאר דיר, איך מיין אז די בעסטע לאיער פאר דיר וואס וועט מרעיש עולמות זיין למעלה איז דער צדיק רבי אברהם שאג, וועמען דער חתם סופר זצ"ל האט באַ'טיטול'ט אלץ א לעבעדיגער ספר תורה.


רבי אברהם שאג

מכון ארויסגעגעבן הערליכע ווערק אבער צווישן אלע ארויסגעגעבענע ספרים שטארט ארויס איין אינטערסאנטער געשיכטע וועלכע האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א וואונדערליכער מעשה.

דערציילט ר' חיים יצחק:

עס איז געווען א געהעריגער טאג אין די מכון ווען מיר האבן באקומען א טעלעפאן קאלל פון א איד וואס וואוינט אין אמעריקע. דער איד האט געבעטן פון אונז אז מיר זאלן זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג און אפירזוכן די ספרים פון דער צדיק רבי אברהם שאג זצ"ל ווער עס האט אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן געוואוינט אין ארץ ישראל.

"וואו איז דא כתבים פון אים?". האבן מיר געוואלט וויסן.

"דאס איז אייער ארבעט".

ווען איך האב געכאפט וואס דער איד האט געוואלט פון מיר, האב איך אים געזאגט אז אזא זאך וועט אים אפקאסטן א הון רב, אבער דער איד האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט.

"וויפיל דו ווילסט וועל איך דיר געבן, ברענג מיר די כתבים".

אזא ענטפער האט אנגעצינדן ביי מיר א רויטן לעמפל, איך בין געווארן נייגעריג וואס ליגט דערונטער און ווען איך האב געפרעגט דער איד האט ער געהאט פאר מיר אן אינטערסאנטער געשיכטע צו דערציילן.

"מיין מעשה הייבט זיך אן מיט צוואנציג יאר צוריק. מיין זון האט חתונה געהאט און עס איז אים געבוירן געווארן צוויי טעכטער. נאך די געבורט האט זיך ארויסגעשטעלט אז ביידע קינדער ליידן פון א זעלטענע גענעטישע פעלער. מיין קינד האט שוין אנגעהויבן מורא האבן אז אלע אנדערע קינדער וועלן ליידן פון די זעלבע זאך, אבער ברוך השם אז פון דארט און ווייטער זענען אלע קינדער געווען געזונט און שטארק".

דער איד האט ווייטער דערציילט אז די געזונטע קינדער זענען אונטערגעוואקסן, זיי זענען שוין אין די עלטער פון שידוכים, זיי זענען פיינע קינדער, אבער קיין איינער וויל זיי נישט נעמען, יעדער האט מורא אז די משפחה ליידט פון א גענעטישע פעלער.

"דער צוזען ווי מיין קינד מוטשעט זיך קומט מיר אן זייער שווער". האט דער איד ממשיך געווען און מיטגעטיילט אז ער האט זיך אריינגעלייגט אין די נושא. ער האט זיך געווענדן צו עסקנים וואס קענען זיך אויס אין די זאכן און זיי געבעטן אז זיי זאלן זיך אריינלייגן אין די זאך און געוואויר ווערן צי די סארט קרענק פון וואס זיינע אייניקלעך ליידן איז א גענעטישע קרענק וואס גייט אריבער פון דור צו דור, אבער אין די זעלבע צייט האט ער זיך אויסגערעדט דאס הארץ צו איינער פון די גדולי הדור און אים געפרעגט וואס ער קען טון.

"דו דארפסט האבן א גוטער לאיער. א צדיק וואס זאל זיך משתדל זיין פאר דיר, איך מיין אז די בעסטע לאיער פאר דיר וואס וועט מרעיש עולמות זיין למעלה איז דער צדיק רבי אברהם שאג, וועמען דער חתם סופר זצ"ל האט באַ'טיטול'ט אלץ א לעבעדיגער ספר תורה.

דער איד האט מער נישט געפרעגט קיין שאלות, גלייך פון דארט האב איך דיר געקלינגען און געבעטן אז דו זאלסט נעמען א חלק אין די ארבעט.

הערנדיג דאס איז דער מכון אריין אין די ארבעט. מען האט אנגעהויבן זוכן און נישטערן ביז מען האט געטראפן כתבים דא און דארט. אין די זעלבע צייט איז מען ארויף צו זיין ציון און געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר אונז, אז מען זאל טרעפן און עס האט נישט געדויערט לאנג און די דורכברוך איז געקומען צוגיין. עס איז געווען ווען מען האט אנטדעקט אן אלטער איד וואס איז א בן אחר בן פון דעם גאון, ער הייסט ר' אביגדור שאג. מען איז ארויף צו אים אין שטוב און נאכ'ן אנפרעגן צי ער האט עפעס כתבים האט ער אנגעוויזן אז ביי אים אין שטוב ליגט א בינטל פון געשריבענע עמודים, אלעס אינאיינעם איז עס הונדערט און פופציג עמודים.

דער איד האט דערציילט אז איידער זיין טאטע איז אוועק פון די וועלט האט ער אים געגעבן די כתבים בעטנדיג אז ער זאל עס דרוקן צולייגענדיג דערביי אז די כתבים גייט שוין אריבער פינף דורות, אבער ער האט עס נישט געדרוקט און יעצט ציטערט ער אז ער וועט אוועקגיין פון די וועלט, און וואס ער זאל דערפולן זיין טאטע'ס בקשה.

"נעם דיר די כתבים במתנה, אבער מאך עפעס מיט זיי".

מען האט טאקע גענומען די כתבים און צום וואונדער איז דער איד אוועק פון די וועלט דריי טעג שפעטער, מען האט געקענט זען מיט א קלארקייט אז מען האט געווארט אז די זאך זאל קענען צושטאנד קומען.

אין די זעלבע צייט ווען די ספרים האבן געמאכט פארשריט האט אויך דער ריסורטש געמאכט פארשריט. א רייע פון שפיטעלער אריינגערעכנט די 'הדסה' שפיטאל אין ירושלים עיה"ק האבן אנגעהויבן פארשן די זאך צי זען אויב די גענעטישע פעלער פון וואס די קינדער ליידן גייט אריבער פון איינעם צו די אנדערע אין די משפחה.

נאך א לענגערע און א ברייטע אויספארש איז מען אנגעקומען צו די מסקנא אז ניין, דאס גייט נישט אריבער. דער זיידע האט זיכערגעמאכט אז די וואס דארפן עס הערן זאלן עס הערן און א קורצער צייט דערויף זענען די קינדער געווארן חתנים.

די אויספארש האט אויך געמאכט שווערע העדליינס אין די וועלט פון רפואה ברענגענדיג נאכווייען איבעראל.

ווען מען האט געענדיגט די אויספארש און דער זיידע האט עס געהאלטן אין האנט האט ער געכאפט די גרעסטע שאק, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער פראפעסאר וואס האט געמאכט די דורכברוך צו די שטודיע האט געהייסן 'אברהם שאג' און ער איז געווען א זון פון דעם ר' אביגדור שאג, ביי וועמען מען האט געטראפן די כתבים.

די מעשה האט אים אויסגעלערנט די כח פון צדיקים און די כח התפלה.

'סימנא טבא' חיי שרה

# תענה אמונים

## פערל ווערטער אויף די מצוה פון תפילה

## — הודו —

### טויזנט דורות פון בריאת התורה ביז צו די נתינה

"זִכְרוּ לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר"

רש"י געט צו פארשטיין די כוונה פון דער פסוק "דבר ציוה לאלף דור":

ער זאגט אז מלכתחילה האט הקב"ה באשאפן די תורה, אז מען זאל עס קענען איבערגעבן טויזנט דורות פון ווען די וועלט שטייט, אבער ווייל ער האט געזען אז די וועלט קען זים נישט האלטן אזוי לאנג אן תורה, האט ער אפגעהאלטן די בריאה פון די וועלט פאר ניין הונדערט און פיר און זיבעציג דורות ווי די גמרא זאגט שוין אין חגיגה ( יג ב און אין זבחים קטז א) און אזוי ארום איז מקויים געווארן אז די תורה איז געגעבן געווארן לאלף דור. (רש"י חגיגה יד א ד"ה קודם, וזבחים שם ד"ה תשע, ע"פ 'טורי אבן' חגיגה יג ב).

דער רוקח אויפ'ן ארט ('פירושי סידור התפילה' ח"א עמ' נ) לייגט צו אז דער ווארט "לאלף דר" (להשאיר כתיב חסר איז די זעלבע גימטריא ווי "משה".

דאס איז א רמז אז טויזנט דורות נאך די בריאה פון די תורה האט משה רבינו מקבל געווען די תורה.

דער 'חתם סופר' (שבת קה א) לייגט צו א שיינער רמז, ער זאגט אז די צען דברות הייבט זיך אן מיט די אות 'אלף' א רמז אז די תורה האט מען נאר געגעבן 'לאלף דור'. נאך א רמז איז אז דער אות א איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי אותיות 'י' און א 'ו' אינדערמיט, עס איז א רמז צו די זעקס און צוואנציג דורות וואס עס איז אריבער פון בריאת העולם ביז קבלת התורה.

### איינס איז געבינדן אין די צווייטע

"זִכְרוּ לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר"

ווען מען איז מדייק אין דער פסוק זעט מען אז דער פסוק איז געדאפעלט. עס איז אויך דא א שינוי צווישן דער פסוק ווי עס שטייט אין דברי הימים און ווי אזוי עס שטייט אין תהלים. אין דברי הימים (א' טז טו) בינדט דער פסוק אן די זכירה אין כלל ישראל ווי עס שטייט "זכרו לעולם ברית אבער דאגעגן אין תהילים (קה ח) בינדט ער אן די זכירה אין הקב"ה ווי עס שטייט: "זכר לעולם בריתו".

אין ספר 'לחם רב' (אות שצה) געט ער צו פארשטיין ווי אזויביידע זאכן שטעלן זיך אוועק ער זאגט אז עס איז דא דער "זכרו לעולם בריתו" - אז מען זאל געדענקען די תורה וואס איז געגעבן געווארן בברית און אז מען זאל גלייבן אז זי איז א נצחיות'דיגער זאך און דורכדעם וועט הקב"ה אויך געדענקען די ברית וואס ער האט באשטימט אויף "לאלף דור".

### אז מען לערנט איבער א זאך 101 מאל בלייבט עס לאלף דור

"זִכְרוּ לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר"

דער מגלה עמוקות' (ואתחנן אופן נז) זאגט אז אין דער פסוק קען מען טרעפן א רמז צו דער מאמר חז"ל: "אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה פעמים ואחד" (חגיגה ט ב) ווייל ווען מען לערנט כמנין צו"ה [101] איז מען זוכה אז עס ווערט מקויים וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק "לאלף דור" אז די תורה האלט זיך אפילו אויף טויזנט דורות.

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענטפערן אמן

## — א חברותא צווישן דער 'שופט' און דער 'נשפט' —

די דאזיגע געשיכטע האט ארייגעשיקט א איד וואס וואוינט אין די שטאט 'מבשרת ציון' צו די מערכת 'בני אמונים'. אין זיין בריוו דערציילט דער איד אז ער איז עוסק אין א געוויסע געביט און אין די לעצטע צייט האט ער געהאט א שטארקע התעוררות צו ענטפערן אמן מיט כוונה און אויך זוכה געווען צו זען א ישועה ביי איר און ער שילדערט דא די ישועה.

"איך האב א פארצווייגטער געשעפט". הייבט דער איד אן זיין שילדערונג און ווי אייביג מוז זיך אזא ביזנעס ספראווענען מיט אסאך ערליי זאכן ווען צווישן איינס פון זיי איז געוויסע אנקלאגעס וואס מענטשן געבן אריין קעגן די פראדוקטן וואס איך פארקויף.

אין דעם פאל בין איך אויך געווארן אנגעקלאגט דורך א קליענט, אבער דאסמאל בין איך געווען זיכער אז די קלאגע איז אויסגעזויגן פון פינגער, אז יענער האט באשלאסן אז ער גייט פארדינען א קאפיטעל אויף מיין חשבון. איך וואלט אפשר געקענט אויפווייזן אז איך בין אומשולדיג, אבער אזוי ווי דער איד האט זיך אנגעגארטעלט מיט א גוטער לויער און יענער האט געטויגט צו זיין פאך, האב איך אנגעהויבן זארגן וועגן מיין עקענאמישער צונקופט, ווייל די קלאגע איז געווען זייער גרויס און אויב כ'וועל דארפן צאלן די פרייז וועט מיין ביזנעס צוגרונד גיין.

טראכטנדיג אזוי וואס איך קען טון האב איך געטראכט אז דאסמאל איז וויכטיגער צו האבן א גוטער לאיער וואס זאל מיר העלפן אין די טענה, אבער נישט א מענטשליכער לויער, נאר א הימלישער לויער, א זכות צו צוגיין צום געריכט.

ביז יענעם טאג האב איך אזוי אויך שטארק מקפיד געווען צו ענטפערן אמן אבער זעענדיג אז איך בין א בעל צרה, האב איך באשלאסן אז איך גיי מחזק זיין מיין ענטפערן אמן, עס זאל זיין נאך שטערקער, איך האב זיך קובע געווען א חברותא מיטוועמען איך וועל זאגן טעגליך ברכת השחר, אין די זעלבע צייט האב איך אויך ממשיך געווען מתפלל צו זיין און בעטן אז מען זאל זיך פון הימל דערבארעמען אויף מיר.

די געריכט איז געווען באשטימט אויף צוויי חדשים שפעטער און אין לויף פון די טעג האב איך אנגעהאלטן די קבלה טובה. נאך צוויי חדשים פון אנגעצויגענקייט איז דער טאג פון די געריכט אנגעקומען, עס איז באשטימט געווארן אויף האלב ניין אינדערפרי.

ווענלדיג זיין דארט באצייטנס, שוין נאכ'ן דאווענען, בין איך יענעם טאג אויפגעשטאנען צופרי' און זיך געשטעלט דאווענען מיט די ערשטע מנין אין די 'שערי חסד' געגענט, נישט ווייט פון די געריכט הויז.

איך האב אויסגערעכנט אנצוקומען עטליכע מינוט פאר דער מנין אז איך זאל אניאגן צו קענען מאכן די ברכות און טרעפן איינער וואס זאל ענטפערן אויף זיי אמן. עס איז נישט די שול וואו כ'דאוון אייביג, איך קען דארט קיין איינעם נישט פערזענליך, אבער דאך האב איך זיך אנגעגארטעלט מיט דרייסט און געבעטן פון איינער פון די אידן ער זאל אויסהערן די ברכות און ענטפערן אויף זיי אמן. דער איד האט אויסגעזען צו זיין ערשיטערט פון מיין בקשה און איך האב אים געגעבן צו ערקלערן אז די מנהג ווערט געברענגט אין שלחן ערוך און אז איך האב זיך עס אונטערגענומען אז איך זאל ארויסגיין פריי פון די קלאגע וואס מען האט אריינגעגעבן קעגן מיר.

דער איד האט מסכים געווען און אויסגעהערט די ברכות און גענטפערט אויף זיי אמן און מיר האבן זיך געשטעלט דאווענען. נאכ'ן דאווענען האב איך זיך געאיילט צו די געריכטהויז און ווען איך קום אריין אין די געריכטהויז זעה איך ווי אויף דער ריכטער'ס ארט זיצט נישט קיין צווייטער ווי דער איד וואס האט פריער אויסגעהערט מיינע ברכות און גענטפערט נאך איר אמן. איך בין געבליבן שטיין שאקירט, איך האב געהאט א מאדנע געפיל, אבער איך האב געשפירט ביי מיר אז דאס איז א סימן פון הימל אז עס גייט זיין גוט.

איך ווייס נאכנישט ביז יעצט צי דער ריכטער האט מיר דערקענט צי נישט, אבער ער האט אפגעווארפן אלע קלאגעס קעגן מיר און איך בין ארויס פריי פון אלע באשולדיגונגען.

איך האב געדאנקט השי"ת און זיך געפריידט אז זאכן האבן זיך געפירט צום גוטן און אויף די סיגנאל וואס איך האב באקומען פון הימל אז אלעס פירט זיך פון אויבן צום גוטן.



דער קבר פון דער צדיק רבי עמנואל חי ריקי אין די שטאט טשאנטו אין איטאליע

## דער בעל 'משנת חסידים' א' אדר תק"ג

דער צדיק רבי רפאל עמנואל חי ריקי איז געבוירן געווארן אין איטאליע אין יאר תמ"ז. אין די בלויזע עלטער פון זעקס יאר איז זיין פאטער ר' אברהם נפטר געווארן און פון דעמאלטס אן האט ער זיך געהאדעוועט אין די שטוב פון זיין פעטער הרב ידידיה רבינו.

ווען ער איז געווען אלט ניינצן יאר איז זיין פעטער נפטר געווארן. נישט האבנדיג ווי אזוי זיך צו שפייזן האט ער אנגעהויבן דינען אלץ מלמד און ארומגעוואנדערט פון שטאט צו שטאט צולערנען מיט קינדער.

אלץ מלמד האט ער געבויט פאר די קינדער א געביידע ווי די משכן און די כלים אז זיי זאלן קענען בעסער פארשטיין ווי אזוי עס האט אויסגעזעזן די משכן און די כלים. אין יענער צייט האט ער אויך מחבר געווען דער ספר 'מעשה חושב' איבער די מעשה המשכן.

אין די דרייסיגער יארן האט ער זיך אריינגעווארפן אין לערנען קבלה. זוכנדיג צו דערגיין די גרויסע סודות האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין צפת. דארט אין צפת האט ער געלערנט קבלה פון די הייליגע תלמידים פון דער אר"י הק' און פון זיינע תלמידים.

זייענדיג אין צפת האט ער אויך געשריבן זיין ספר "הון עשיר" על ששה סדרי משנה.

פאר צוויי יאר צייט האט ער געוויילט אין די שטאט צפת. נאך דעם וואס זיין טאכטער איז נפטר געווארן פון א מגפה האט ער פארלאזט צפת און זיך צוריקגעצויגן קיין איטאליע און זיך באזעצט אין די שטאט ליווערנא.

אין ליווערנא האט ער געשריבן זיין בארימטער חיבור דער 'משנת חסידים', וועלכער איז לויט אים א תמצית פון די גאנצע תורת הסוד. אין די הקדמה שרייבט ער אז ער האט געמאכט א ספר אויף קבלה, אזוי ווי דער הייליגער רמב"ם האט געמאכט אויף נגלה, די ספר איז געווארן איבערגעדרוקט דריי מאל בחייו.

זיינע לעבנסטעג האט דער צדיק געווידמעט אויף תורה מיט קדושה, ער האט געלעבט מיט א מורא'דיגע פרישות און מיט א קדושה. דער חיד"א שרייבט אויף אים אין שם הגדולים ( מערכת גדולים ע יח) אז ער האט געהערט אז פאר צוויי און צוואנציג יאר האט ער געפאסט א גאנצער וואך און זיך מתנהג געווען בקדושה ובטהרה.

אין זיינע לעצטע יארן האט ער זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין ירושלים עיה"ק. דארטן האט ער אויפגעשטעלט א ישיבה מיט'ן נאמען 'חברים מקשיבים'. נאך א קורצער שטיק צייט איז ער געפארן קיין איטאליע צו דרוקן זיינע ספרים און צוזאמען צונעמען געלט פאר די ישיבה, אבער נאך זייענדיג דארט האט אים באטראפן אן אומגליק, א גרופע רויבער האבן אים באפאלן און אים אומגעברענגט, א וואך דערויף איז ער געקומען לקבורה אין די שטאט טשאנטו אין איטאליע.

### אויך דער וואס הערט 'אמן' איז עס ווי ער האט אליין געטפערט 'אמן'

דער בעל משנת חסידים שרייבט: ווען דער וואס מאכט די ברכה הערט ווי מען ענטפערט אמן נאך די ברכה (ראה רמ"א או"ח קסז ב) איז עס ווי ער אליין האט גענטפערט אמן וועגן דער דין פון "שומע כעונה".

עס קומט אויס לויט דעם אז אין יעדע אמן איז דא אמוויינגסטענס צוויי מענטשן וואס ענטפערן אמן דער 'מברך' און דער 'עונה'.

דאס איז דער הסבר פארוואס אין די דרשה וואס חז"ל האבן געזאגט אין (שבת קיט ב) אויפ'ן פסוק (ישעיהו כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים" -"אל תקרי שמר אמנים אלא שאומרים אמן" האבן חז"ל זיך גענוצט מיט א לשון רבים, עס שטייט "שאומרים אמן" און נישט א לשון יחיד "שאומר אמן", ווייל עס קומט מרמז זיין די נקודה אז ביי יעדער אמן איז דא צוויי וואס ענטפערן, דער 'מברך' און דער 'עונה' ('אדרת אליהו' שבת שם).

די בחינה האט אויך דוד המלך אינזינען געהאט זאגנדיג (תהלים לד ב): "אברכה את ה' בכל עת תמיד תהלתו בפי". דער 'אמן' אנגערופן בלשון "תהילה", ווי חכמים האבן גע'דרשנ'ט (תוספתא ברכות ו כב) דער פסוק אין (נחמיה ט ה): "ומרומם על כל ברכה **ותהלה**", אז אויף יעדע ברכה וואס מען מאכט דארף מען געבן א "תהלה" לה' און דאס געט מען מיט'ן ענטפערן אמן.

דאס האט דוד המלך געזאגט : "אברכה את ה' בכל עת" - איך בענטש אייביג השי"ת מאכנדיג א ברכה און ווען איך ענטפער 'אמן' נאך די ברכה בין איך מקיים דער "תהלתו **בפי**" מדין שומע כעונה. ('חזה ציון' תהלים שם).

### דוד המלך האט געטפערט אמן

די סופי תיבות פון דער פסוק (תהלים נז ג): "**אקרא** לאלקים **עליון**" איז 'אמן'.

דער בעל משנת חסידים זאגט אויף דעם אז דאס איז א רמז אז דוד המלך האט געזאגט אויף זיך אז יעדער מאל איך הער א מענטש רופן צו הקב"ה מיט א ברכה, ענטפער איך אמן און מיט דעם בין איך מכתיר הקב"ה אלץ דער עליון אויף אלעס ('חזה ציון' תהלים שם).

### די מטרה פון 'קדיש יתום'

חז"ל זאגן אונז (עדיות ב י): אז די משפט פון די רשעים אין גיהנם איז צוועלעף חדשים. דער 'משנת חסידים' לייגט צו אויף דעם אז די גיהנם האט אין זיך אכט צימערן און אז דער וואס איז מזלזל אין ענטפערן אמן ווערט גע'פסק'נט אין די נידריגסטע פון זיי און דער קדיש וואס די קינדער זאגן די ערשטע יאר, היט זיי אפ, אז זיי זאלן נישט ווערן נכשל אין זיי, אבער פון די אנדערע צימערן קען עס נישט אפהיטן ('משנת חסידים' מסכת שארית ערבית ו ב-ד).

### ענטפערן אמן איז מרבה שלום

אין סוף מסכת נזיר (סו ב) נאך דעם וואס די גמרא ברענגט אראפ דער פסוק: "גדול העונה יותר מהמברך" לייגט די גמרא צו דער מאמר חז"ל פון: "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם".

וואספארא קשר האבן די צוויי מאמרים? נאר געט דער מחבר צו פארשטיין אין ספר משנת חכמים' אז כידוע איז אמן די גימטריא פון די שמות הוי"ה ואדנות. עס קומט אויס אז אינדערצייט וואס דער וואס מאכט די ברכה דערמאנט אין זיין ברכה נאר די שם אדנות וועט אבער דער וואס ענטפערט 'אמן' האבןביידע שמות ווייל ווי געזאגט אויבן איז 'אמן' די גימטריא פון ביידע שמות און דורכדעם מאכט ער שלום אין ביידע שמות און וועגן דעם איז ער זוכה צו אזא גרויסער שכר. ('אדרת אליהו' נזיר שם).

### מִשֶּׁנִּכְנָס אֲדָר מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה




דער זוהר הק' (וַיֵּלֶךְ רפה ב) ברענגט אראפ אז אין זכות פון ענטפערן אמן מיט כוונה ווערן געעפענט אויבן די טויערן פון ברכה און טובה און עס ווערט נתעורר א שמחה אין די גאנצע וועלט.

פאלגענד איז זיין הייליגער לשון: "וְכַד יִשְׂרָאֵל לְתַתָּא, מְשַׁמְּרִין לְאַתְבָא אָמֵן [און ווען אידן אונטן אויף די וועלט היטן זיך צו ענטפערן אמן]... כַּמָּה פְּתָחִין דְּבִרְכָאן פְּתִיחִין לְהוּ לְעֵלָּא [ווערן געעפענט אסאך טויערן פון ברכה אויבן], כַּמָּה טָבָאן מִשְׁתַּכְּחִין בְּכָלְהוּ עָלְמִין [און אסאך גוטס געפינט זיך אין די עולמות] כַּמָּה חַדוּ בְּכֹלָּא [און אסאך שמחה געפינט זיך אין יעדן איינס פון די הימלען]".

